## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: זאָגט מיר פּאַניע שבת הגדול, פאַר וואָס גיבען די איטאַליענער אַוועק אויף קריגס־צוועקען, גראָד די חופּה־רייפלעך?

שבת הגדול: ווייל, פערשטעהסטו מיך, אַ חופּה־רייפעל איז דאָך אויך אַניאָנזאָג אויף קריג.

## קבצנים פון אלע לענדער...
### געווידמעט די לאָדזער „מאַגנאַטען“

דער ד—ר רבן פיהרט זיך, אז ער מאַכט תנאים א קינד, פערבעט ער נאָר די אָרימעלייט פון שטעטעל. די נגידים — נישט.

אַנימעלטען האָט דער רבי חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, קומט אויף דער חתונה דער שטאָטישער ליבוויאַזש. זעהט ער, אז ביים טיש זיצען ארום אַלע נגידים פון שטעטעל, פרעגט ער דעם רבי:

— רבי, וואָס איז דאָס? וואָס האָט איהר עפּעס איצט פערבעטען די נגידים?

— כ'וועל דיר ערקלערען — האָט דער רבי גע־ענטפערט — כ'האָב אדורכגעקוקט זייערע האַנדעלס ביכער, האָב איך מיך איבערציינגט, אז זיי זענען לאַ־עליכם גרויסע דלפנים.

— רבי, וואָס רעדט איהר? — האָט זיך דער ליבוויאַזש געכאַפּט פאַרן קאָפּ — מיין גאַנץ פערמעגען ליגט דאָך ביי זיי!

— אויב אזוי, זעץ דיך אויך אַוועק צום טיש — האָט דער רבי געענטפערט.

איבערדערציילט פון
אַ. איטקין

## ראָמאַנטיש

...ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, די האַנד אויפן האַרץ, און מיט פּאַטאָס אויסגערו־פען:

— אָ, מיין טייערע! אויב דו וועסט נישט צו מיר געהערען, וועל איך עס נישט אויסהאַלטען און זיכער שטאַרבען.

זי האָט איהם אָפּגעזאָגט און ער האָט וואָרט געהאַלטען און געשטאָרבען..... אין זקנים־הויז.

קאַפּריזנער

## משה רבינו
### און די היינטיגע מאַשקעס

אמאָל, אז משה האָט אריינגעשטעקט די האַנד אין בוזעם, האָט ער נאָר איינמאָל ארויסגענומען מכות.

היינט, אז משה שטעקט אריין 10 מויזענד דאָלאַר אין א געשעפט אריין, נעהמט ער אויך ארויס מכות.

א מ אָ ל, אז משה איז געקומען צו פּרעה'ן, איז פון וואַסער געוואָרען בלוט,

ה יי נ ט, אז דער סעקוועסטראַטאָר קומט צו משה'ן ווערט פון בלוט — וואַסער.

א מ אָ ל, ווען משה האָט געגעבען פּרעה'ן מכות, זענען געפלויגען היישעריקען,

ה יי נ ט, אז משה גיט זיין ווייב מכות, פליהט ס'געהילץ...

אַ. איטקין

## אַ געטרייער מאַן
### ביים דענטיסט

צום דענטיסט קומט אריין א מאַן מיטן ווייב. דער דענטיסט אונטערזוכט ביי איהר דעם קראַנקען צאָהן, זעצט זי אוועק און נעהמט גראַבלען, זי מאַכט יעלות און וויל נישט עפענען ס'מויל. ווערט דער מאַן אין כעס, און גיט א געשריי צום ווייב:

— יאַכעט, מאַך צו ס'פּיסק, און עפען אויף ס'מויל!

## לאָדזער קינדער

צום היגען פאַבריקאַנט וויגאַניע עט קאָמפּ. קומט אריין דער 8־יעהריגער יאָסעלע, א זוהן פון וויגאַ־ניעס א סוחר, זאָגט יאָסעלע:

— גוט מאָרגען פּאַניע וויגאַניע, א גרוס פון טאַטעשי, דער טאַטעשי האָט אייך געשיקט 50 זל.

— ווי אזוי 50? ער האָט דאָך מיר געדאַרפט שיקען 100? פאַר וואָס האָט ער דיך געשיקט?

— איהר ווייסט נישט, אז קינדער צאָהלען א העלפט? — האָט יאָסעלע געענטפערט מיט א פראַגע.

## אַ שטאָך פאַר אַ שטאָך
### אַ יוד און אַנ'ענדעק

אויף דער באַהן פאָהרט א לאָדזער ענדעקישער „גאון“. נעבען איהם זעצט זיך אוועק א חסידישער יוד מיט א לאַנגער באָרד און פאות. בעטראַכט דער ענדעק דעם יודם באָרד און פאות, און צום סוף פרעגט ער דעם יוד:

— מוישע, וויפיל ווילסטו פאַר דיינע צוויי בינטלעך היי?

— וואָס וועסטו דען מאַכען דערמיט? פאַר אזא פערד ווי דו ביזט, איז דאָס צו ווייניג — האָט דער יוד איהם אָפּגעענטפערט.

אַ. איטקין

## ס'קינד האָט שוין אַ נאָמען

— דו ווייסט, די פּוילישע היטלעראָווצעס, האָ־בען שוין א נאָמען.

— ווי הייסען זיי?

— סאַ—נאַציאָנאַל סאָציאַליסטען...

## אין דייטשלאַנד

נאַצי: זאָג מיר, פאַרוואָס טאָרען די יודען נישט עסען קיין הזיר־פליייש?

יוד: און די דייטשען עסען?

## פּייטעל און טרייטעל



פּייטעל: דו ווייסט, טרייטעל, אז מוסאָליני האָט מיט דער מלחמה נישט געמאַכט קיין וואַזשנע געשעפט.

טרייטעל: ביזט א שוטה, פּייטעל, ווער מאַכט דאָס ביי דעם קריזיס יאָ וואַזשנע געשעפטען?

פּייטעל: האָסט געהערט, טרייטעל, אין די פּאָליטישע קרייזען שמועסט מען, אז אין דער קו־מענדיגער מלחמה, וועט מען נעהמען פרויען אויך.

טרייטעל: וועלען מיר מענער, דאָך האָבען א מחיה. מיר וועלען קיינמאָל נישט זיין אויף דער פראָנט־ליניע.

פּייטעל: פאַרוואָס?

טרייטעל: ווייל פרויען האָבען אייביג פאָרצוג...

קאַפּריזנער

## אַזוי זעהען זיי אויס

— זאָג מיר, וואָס איז דער אונטערשיד פון דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ“ ביז דעם „קוריער פּאָ־ראַני“?

— דער חילוק איז, וואָס די ערשטע איז א שטאַרקע אָנהענגערין פון דעמאָקראַטישע פּרינציפּים אין.... ענגלאַנד, און די צווייטע — א פערביסענע געגנערין פון פאַשיזם אין... איטאַליען....

## דער גודניק

— ווי אזוי קאָן איך דערקענען ברוך'ן?

— אויב דו וועסט זעהן צוויי מענשען שטעהען אין גאַס און רעדען און איינער איז פערנודיעט צום טויט, איז דער אנדערער ברוך.

## דער „בראָמקאָוש“
### פון אַ היגען ספּאָרט - קלוב

אין א היגען ספּאָרט־קלוב איז אלס בראָמקאָזש בעשטימט געוואָרען א סטרוזשס א זוהן, נו, איז דער ערשטער בעדינג געווען, אז די מעטשען זאָלען זיך אָנהויבען נאָך 11 ביינאַכט, ווייל בייטאָג איז ער נישט געוואוינט צו היטען ס'טויער!...

## קליינע אַנאָנסען

א בחור, א גוטער באָקסער, אויסגעצייכענטער פוסבאָליסט און וועלטענער טענצער זוכט א פּאַסיגען שידוך, וואָס קאָן געבען פרנסה.

אָפּערטען פאַר „ספּאָרטלער“ צום „קונדס“.

א יונגער דאָקטאָר זוכט עטליכע הערען צו זיצען אין זיין פּאַטשעקאַלניע. מ'זאָל מיינען, אז דאָס זע־נען פּאַציענטען.

אָפּערטען פאַר „רופא“ אין „קונדס“.

קאַפּריזנער


# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט“ נומער 39 — פרייטאג, דעם 14 פעברואַר 1936


## יודען געבען זיך אַנ'עצה



פאַר קיין קלעפּ האָבען זיי שוין נישט קיין מורא!...

